**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט געדאנקען צו פארמערן צוטריט צו העכערע עדיוקעישאן**

***סטעיט אוו די סטעיט פארשלאג וועט אריינעמען א פלאן צו אויטאמאטיש אריינגעמען הויכע געטריבענע סטודענטן פון הויפט 10 פראצענט פון ניו יארק הויך שולע קלאסן צו SUNY און CUNY קאמפוסעס***

***גאווערנער האקול וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו העלפן פארזיכערן אז יעדע הויך שולע סעניאר פילט אויס די FAFSA***

***פארזיכערט אז בארעכטיגטע סטודענטן נוצן די SNAP בענעפיטן צו אדרעסירן עסנווארג אומזיכערקייט צווישן קאלעדזש סטודענטן***

***SUNY און CUNY וועלן צושטעלן אינפארמאציע וועגן ווילער רעגיסטראציע צו הייבן קאלעדזש סטודענט ווילער אנטיילנעמונג ראטע***

גאווערנאר האקול האט היינט געמאלדן געדאנקען צו פארמערן צוטריט צו הויכע עדיוקעישאן אלץ טייל פון איר 2024 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס. גאווערנער האקול הייבט אן א פלאן פארצושלאגן דירעקטע אריינקום צו ערפאלג געטריבענע סטודענטן פון די הויפט 10 פראצענט פון ניו יארק הויך שולע קלאסן צו סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק און סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאמפוסעס. ווי אויך, וועט גאווערנער האקול פארשלאגן לעגיסלאציע וואס פארלאנגט סקול דיסטריקטס זאלן פארזיכערן אז יעדע הויך שולע סעניאר פילט אויס די FAFSA גאווערנער האקול האט אויך געמאלדן א פלאן פאר SUNY און CUNY צו פארזיכערן אז אלע סטודענטן וואס זענען בארעכטיגט פאר SNAP ווייסן פון די אווע־ילעבל בענעפיטן צו אדרעסירן עסנווארג אומזיכערקייט צווישן סטודענטן. אויפ'ן גאווערנער'ס אנווייזונג, מוזן SUNY און CUNY אויך צושטעלן אינפארמאציע וועגן ווילער רעגיסטראציע און וויאזוי צו שטימען אין געוויסע צייטן, אזוי ווי אין איינוואוינונג פעקלעך און אויף סטודענט פארטעלס, און העלפן סטודענטן מיט ווילער רעגיסטראציע דעדליינס צו פארמערן ווילער אנטיילנעמונג צווישן קאלעדזש סטודענטן.

"צוטריט צו העכערע עדיוקעישאן האט די מעגליכקייט צו טוישן די לעבנס פון יונגע ניו יארקער און טוישן די וועג פון א סטודענט'ס לעבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די שטארקע געדאנקען, נעמען מיר קריטישע שריט צו פארזיכערן אז יעדע ניו יארק סטודענט קען גיין ווייטער מיט זייער עדיוקעישאן, בויען זייער פראפעסיאנאלע קאריערע, און דערגרייכן זייערע חלומות."

<u>**מאכן העכערע עדיוקעישאן מער צוטריטליך און צוגענגליך**</u>

צו פארזיכערן אז הויכע־געטריבענע סטודענטן האבן א היים אין ניו יארק'ס וועלט בארימטע אינסטיטוציעס, טוט גאווערנער האקול אנפאנגען א געוואגטע פלאן צו פארשלאגן פאר הויכע־געטריבענע

סטודענטן פון די הויפט 10 פראצענט פון גראדויאירנדע הויך שולע סטודענטן דירעקטע איינטריט צו SUNY און CUNY אינסטיטוציעס.

איבער די נעקסטע יאר, וועט SUNY אנטוויקלען א דירעקטע איינטריט פראגראם וואס קען דערגרייכן לענגאויס די סטעיט און העלפן מער סטודענטן דערגרייכן זייער מעגליכקייט. ענליך צו דעם, וועט CUNY ארבעטן צו פארברייטערן אירע עקזיסטירנדע איינטריט פראגראם צו אויסברייטערן איר ציל פון געבן מער געלעגנהייטן צו סטודענטן פון אלע הונטערגרונדן. די שריט וועט סיי פארמערן גלייכבארעכטיגקייט פאר סטודענטן און אנהאלטן די בעסטע און קלוגסטע פון צווישן ניו יארק סטעיט און אירע העכערע עדיוקעישאן אינסטיטוציעס, און ענדגילטיג שאפן א נאך בעסערע געניטע ארבעטסקראפט אינעם סטעיט.

**<u>פארברייטערן צוטריט צו פינאנציעלע הילף</u>**

גאווערנער האקול וועט פארשלאגן לעגיסלאציע צו פארלאנגען שולע דיסטריקטס צו פארזיכערן אז יעדע הויך שולע סעניואר פילט אויס די אומזיסטע אפליקאציע פאר פעדעראלע סטודענט הילף ( Free Application for Federal Student Aid, FAFSA) אדער די ניו יארק סטעיט חלום אקט אפליקאציע. סטודענטן וואס ווערן אויס נישט אויסצופולן אן אפליקאציע מוזן אונטערשרייבן א וועיווער בויגן וואס צייגט אן אז זיי האבן געוויסט פון די אווילעבל פינאנציעלע הילף, אבער זיי האבן אויסגעוועלט עס נישט נאכצוגיין.

די FAFSA איז א וויכטיגע טייל פון די קאלעדזש אפליקאציע פראצעדור און די קאלעדזש ערפארונג, און פארמערט צוטריט צו פינאנציעלע הילף צו שטיצן פאסט-סעקאנדערי עדיוקעישענאל קאסטן וואס נעמען אריין שכר לימוד, אויסגאבן, ביכער, צימער, און באורד. די געדאנק וועט פארזיכערן אז יעדע ניו יארק סטודענט האט צוטריט צו די פילע גרונט פון זייערע פינאנציעלע הילף אויסוואלן און געלעגנהייטן פאר צוקונפטיגע ערפאלג.

**<u>שטיצן עסנווארג אומזיכער סטודענטן</u>**

אויפ'ן גאווערנער'ס אנווייזונג, וועלן SUNY און CUNY פארברייטערן סופלעמענטעל נוטרישאן הילף פראגראם (Supplemental Nutrition Assistance Program, SNAP) אוטריטש אויף זייער קאמפוסעס כדי אז אלע סטודענטן זאלן קענען אויסנוצן די הילף וואס זיי זענען בארעכטיגט פאר. לויט א נאציאנאלע אויספרעג פון 2019, האבן 39 פראצענט פון סטודענטן ביי צוויי-יעריגע קאלעדזשעס און 29 פראצענט פון סטודענטן ביי פיר-יעריגע קאלעדזשעס געהאט עסנווארג אומזיכערקייט. צו אדרעסירן די פראבלעם, האבן SUNY און CUNY זיך אונטערגענומען צו אויסברייטערן און שטיצן צו פארבעסערן SNAP אנטיילנעמונג צווישן בארעכטיגטע סטודענטן. אויסברייטן די באמיאונגען וועט העלפן פארמינערן עסנווארג אומזיכערקייט און העלפן פארזיכערן אז יעדע סטודענט האט די הילפסמיטלען וואס זיי דארפן צו דערגרייכן א העכערע עדיוקעישאן.

**<u>פארזיכערן אז קאלעדזש סטודענטן קענען נוצן זייער רעכט צו שטימען</u>**

ניו יארק סטעיט קאלעדזש סטודענט וויילער אנטיילנעמונג ראטע איז געווען נידריגער אין 2020 ווי די נאציאנאלע דורכשניטליכע ראטע פון 62.5 פראצענט. צו הייבן די בירגערליכע אנטיילנעמונג אויף קאלעדזש קאמפוסעס, וועט גאווערנער האקול ארבעטן צוזאמען מיט SUNY און CUNY צו פארזיכערן אז שולעס טוען אקטיוו אריינרעכענען אינפארמאציע איבער וויאזוי צו שטימען און וויאזוי סטודענטן קענען טוישן זייער וויילער רעגיסטראציע אדרעס, אזוי ווי אין איינוואוינער פעקלעך און אויף סטודענט פארטעלס. SUNY און CUNY וועלן אויך צושטעלן אינפארמאציע וועגן וויילער רעגיסטראציע דעדליינס צו פארמערן וויילער אנטיילנעמונג צווישן קאלעדזש סטודענטן. ווי אויך, טוט דער גאווערנער מוטיגן אלע אנדערע קאלעדזשעס אינעם סטעיט אנטיילצונעמען אין נאן-פארטייען ברענג-

ארויס-די-שטימע מעסעדזשעס, וועלכע קען צילן אויף א צאל שטרויכלונגען צו סטודענט שטימען, אריינגערעכנט טוישן די אדרעס פראבלעמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418